


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### ראש השנה

**דאס לויב פונעם אידישן פאלק • מען איז פארזיכערט מיט א גוטע משפט • כלל ישראל איז ווי איין גוף • די קדושה פון א איד ווערט פארשפרייט אין גאנץ כלל ישראל • ווען א איד טוט תשובה איז דער אויבערשטער מוחל פאר גאנץ כלל ישראל**

***כִּי מִי גוֹי גָדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו'*** *(דברים ד, ח)*: ***אי זו אומה כאומה הזאת, בנוהג שבעולם אדם יודע שיש לו דין לובש שחורים ומתעטף שחורים ומגדל זקנו שאינו יודע האיך דינו יוצא, אבל ישראל אינן כן אלא לובשים לבנים ומתעטפין לבנים ומגלחין זקנם ואוכלין ושותין ושמחים, יודעין שהקב"ה עושה להן ניסים.*** *(ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ג).*

***(איבערזעצונג):*** *ווער איז נאך אזא פאלק אזוי ווי דאס אידישער פאלק. דער סדר אין דער אלגעמיינע וועלט ווען איינער האט א משפט, טוט ער זיך אן שווארצע קליידער און גייט ארום אינגאנצן פארטרויער'ט און פארקלעמט, מיט גרויס זארגט וואס עס וועט ארויסקומען פון זיין משפט.*

***דאקעגן*** *ווען כלל ישראל האט זייער משפט אום ראש השנה, טוהן זיי זיך אן ווייסע קליידער, מען עסט און טרינקט, מען איז פרייליך, וויבאלד מען איז פארזיכערט אז דער אויבערשטער וועט טוהן ניסים און מען וועט ארויסגיין גערעכט פונעם משפט.*

***פון*** *די ווערטער פונעם ירושלמי,* ***'אי זו אומה כאומה הזאת'*** *כלל ישראל איז נישט גלייך צו אלע אנדערע פעלקער. איז משמע אז דער לויב פון כלל ישראל איז בלויז דאס אז זיי זענען אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער.*

***שטעלט*** *זיך דער הייליגער 'זרע שמשון', דער לויב פון כלל ישראל איז נישט בלויז אז זיי זענען אנדערש פון יעדעם. דער לויב איז אינעם עצם פאקט אז מען איז פארזיכערט אז דער אויבערשטער וועט אונז גענאדיגן ביים משפט, אזוי ווי עס איז משמע פונעם פסוק* ***'ומי גוי גדול'****.*

♦ ♦ ♦

***עס*** *שטייט אין חז"ל (ר"ה פו:),* ***גדולה תשובה שאפילו יחיד שעשה תשובה מוחלין לו ולכל העולם.*** *דער כח פון תשובה איז זייער גרויס, אפילו אויב א פריוואטע מענטש טוט תשובה טוט מען פארצייען זיינע עבירות און די עבירות פון די גאנצע וועלט.*

***לכאורה*** *איז די אויבנדערמאנטע חז"ל א וואונדער, פארוואס זאל מען מוחל זיין די עבירות פון די גאנצע וועלט, ווען בלויז איינער האט תשובה געטוהן?*

♦ ♦ ♦

***עס*** *שטייט אין חז"ל, כלל ישראל ווערט אנגערופען* ***'גוי אחד בארץ'****, דאס הייסט אז גאנץ כלל ישראל ווערט פאררעכענט ווי איין מענטש. אזוי ווי מיר געפונען ביי יעקב אבינו, אז דער תורה רופט אן אלע זיינע קינדער* ***'נפש'*** *מיט א לשון יחיד, (בראשית מו, כו. שם לו, ו).*

***דער*** *זרע שמשון לייגט צו אן ערקלערונג, פארוואס ווערט גאנץ כלל ישראל פאררעכנט ווי איינס? וויבאלד יעדע איד אין כלל ישראל איז ווי אן 'אבר' פון א גאנצע 'גוף'.*

***עס*** *שטייט אין גמרא (תמורה יא:), אויב א מענטש איז מקדיש פאר א קרבן נאר א טייל פון א בהמה (צום ביישפיל, בלויז די פוס), ווערט נתפס די קדושה אויף די גאנצע בהמה. דאס הייסט, די קדושה פארשפרייט זיך איבער דאס גאנצע בהמה, און די בהמה ווערט פולקאם הייליג פאר א קרבן.*

***די*** *גמרא (שם, בעי רבא) קלערט וואס וועט זיין ווען א מענטש איז מקדיש נאר איין 'אבר' פון א בהמה, צו די קדושה פארשפרייט זיך איבער דאס גאנצע בהמה, און די בהמה ווערט אסור מיט גיזה ועבודה (צו שניידן איר האר און זיך באנוצן מיט איר). דער רמב"ם (פ"א מהלכות מעילה הלכה י"ג), פסק'נט לחומרא, אפילו אויב מען איז מקדיש נאר א אבר ווערט די גאנצע בהמה הייליג, לחומרא (עס ווערט אסור בגיזה ועבודה, אזוי ווי יעדע קרבן).*

♦ ♦ ♦

***מיט*** *דעם קען מען פארשטיין די אויבנדערמאנטע ווערטער פון חז"ל, אז ווען איינער טוט תשובה, איז דער אויבערשטער מוחל די עבירות פון גאנץ*




*• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •*

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לזיווג הגון | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה שיזכה לברכה והצלחה סייעתא דשמיא בלי גבול ומדה בקרוב ממש ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה | ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה שיזכה שיפתחו לו שערי ברכה ופרנסה בשפע ובהרחבה גדולה | ישעיה בן צלחה להצלחה וברכה והלתבשר בשורות טובות | משה בונים בן נעמי לזיווג הגון בקרוב ממש | הרה"ח רבי אברהם בן אהרן ווערצבערגער ז"ל נלב"ע כ"ח אלול ת.נ.צ.ב.ה. | הרב החסיד רבי מתתיהו ב"ר יצחק אהרן גולדוואג זצ"ל נלב"ע כ"ה אלול תשס"ט |

**תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון**

כלל ישראל. וויבאלד ווען א מענטש טוט תשובה ווען זיין חלק געהייליגט (אזוי ווי א אבר פון א גאנצע גוף), און די קדושה פארשפרייט זיך אויף גאנץ כלל ישראל, און די מקטרגים קענען זיך שוין מער נישט דערנענטערן צו כלל ישראל צוליב זייער קדושה (ועיי"ש עוד בדבריו).

**מיט** דעם פארשטייט פשט אינעם ירושלמי ***'אי זו אומה כאומה הזאת'*** דאס גרויסקייט פון כלל ישראל איז דוקא פון דעם וואס גאנץ כלל ישראל ווערט פארעכענט ווי איינס, און ווען איינער טוט תשובה פארשפרייט זיך דאס אויף דאס גאנצע פאלק. מיט דעם זכות מאכט די אויבערשטער ניסים פאר כלל ישראל און מען איז פארזיכערט מיט א גוטע משפט. (זרע שמשון פרשת אמור ט')

## מלאכי השרת פרעגן פארוואס כלל ישראל זאגט נישט שירה • מלאכים געבן כבוד פאר גרעסערע פון זיי • כלל ישראל איז באליבט פארן אויבערשטן מער ווי מלאכים • מלאכים ווארטן אויף שירה פון כלל ישראל

***אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבוש"ע מפני מה אין אומרים לפניך ישראל שירה בראש השנה וביום הכיפורים? אמר להם, אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה?*** (גמרא ראש השנה לב:).

**(איבערזעצונג)** די מלאכי השרת האבן געפרעגט דעם רבוש"ע: 'פארוואס זאגט נישט כלל ישראל 'שירה' אום ראש השנה און יום כיפור?'

**האט** דער אויבערשטער גענטפערט: 'איז דען מעגליך, אז אין דער צייט וואס דער קעניג זיצט אויפן 'כסא דין' און משפט די גאנצע וועלט, און 'ספרי חיים' און 'ספרי מתים' זענען אפן פאר אים, און כלל ישראל זאגט שירה?'

**די** מפרשים פרעגן, פארוואס זאל אנגיין פאר די מלאכים אויב כלל ישראל זאגט שירה צו נישט?

**ענטפערט** דער 'עיון יעקב' (מהר"ר יעקב ריישר זצ"ל), עס שטייט אין גמרא (חולין צב:), די מלאכי השרת אויף יענע וועלט קענען נישט אנפאנגן צו זאגן שירה ביז די אידן אויף די וועלט זאגן שירה. **דערפאר** פרעגן די מלאכים פארוואס כלל ישראל זאגט נישט שירה אום ר"ה און יום כיפור, ווייל אויב אידן זאגן נישט קיין שירה אויף די וועלט, קענען זיי אויך נישט זאגן שירה אויף יענע וועלט.

◆ ◆ ◆

**אבער** לכאורה איז שווער, ווייל עס שטייט אין 'תוספות' (מסכת ערכין דף י: ד"ה אמרו), די לשון וואס די מלאכים פרעגן איז: *'מפני מה **אין ישראל** אומרים שירה'* - פארוואס זאגט נישט כלל ישראל שירה. זיי פרעגן נישט: *'מפני מה **אין אנו** אומרים שירה'* - פארוואס זאגן מיר נישט קיין שירה.

**דעריבער** שטייט אין תוס' אז די מלאכי השרת קענען יא זאגן שירה, טראץ וואס כלל ישראל זאגט נישט, נאר זיי פרעגן אויף כלל ישראל, פארוואס זאגן זיי נישט שירה אזוי ווי געוועגליך. אויב אזוי איז צוריק שוועד די אויבנדערמאנטע קשיא, פארוואס גיין אן פאר די מלאכי השרת צו כלל ישראל זאגט שירה?

◆ ◆ ◆

**עס** ווערט געברענגט אין מדרש (ילקוט רמז ת"ד), אויפן פסוק, ***'וקרא זה אל זה'***. די מלאכים געבן כבוד איינעם פארן צווייטן. דאס הייסט, די קלענערע מלאכים רופן פאר די גרעסערע מלאכים צו אנפאנגן זאגן שירה. דאס איז פשט אין די ווערטער ***'ומקבלין דֵין מִדֵין'***, די מלאכים וואס פאנגן אן צו זאגן שירה, האבן אנגעהויבן נאכדעם וואס זיי האבן 'מקבל' געווען א הזמנה אנצוהייבן.



**זעהט** מען פון די ווערטער פונעם מדרש, אז די מלאכים זענען מכבד אנדערע מלאכים וועלכע זענען חשוב'ער פון זיי, זיי זאלן אנפאנגן צו זאגן שירה.

**עס** שטייט אין גמרא (חולין צא:), ***חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת וכו'***. כלל ישראל איז באליבט פאר הקב"ה מער ווי מלאכי השרת, ווייל אידן דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן נאך צוויי ווערטער, (שמע ישראל ה'), און די מלאכים דערמאנען די נאמען פונעם אויבערשטן נאר נאך דריי ווערטער, (קדוש, קדוש, קדוש, ה'). אזוי אויך פאנגן נישט אן די מלאכים צו זאגן שירה, איידער די אידן אויף די וועלט זאגן שירה.

**זעהט** מען פון די גמרא, אז דער טעם פארוואס די מלאכים פאנגן נישט אן צו זאגן שירה איידער די אידן, איז צוליב דעם וואס כלל ישראל איז גרעסער פון זיי. און ווי עס שטייט אינעם אויבנדערמאנטן מדרש, אז מלאכי השרת געבן אפ כבוד פאר די וואס זענען גרעסער פון זיי.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם קען מען ערקלערן די ווערטער פון חז"ל, א טאג וואס כלל ישראל זאגט שירה, דעמאלטס געבן די מלאכים כבוד פאר כלל ישראל און ווארטן ביז זיי פאנגן אן צו זאגן שירה. אבער א טאג וואס כלל ישראל זאגט נישט קיין שירה, דאן קענען די מלאכים זאגן שירה, ווייל זיי דארפן נישט ווארטן צו געבן כבוד פאר כלל ישראל.

**און** וועגן דעם ווען עס קומט ר"ה און יו"כ ווילן די מלאכים אויך ווארטן ביז כלל ישראל פאנגט אן שירה, אבער ווען זיי זעהן אז זיי זאגן נישט קיין שירה, פרעגן די מלאכים פונעם רבוש"ע, פארוואס זאגט נישט כלל ישראל שירה? און דער אויבערשטער ענטפערט זיי אז אינעם יום הדין קען כלל ישראל נישט זאגן שירה.

**נאכדעם** וואס זיי הערן אז כלל ישראל זאגט נישט קיין שירה, דאן קענען זיי זאגן שירה (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם אויבנדערמאנטע תוס' אין ערכין), ווייל זיי דארפן מער נישט ווארטן אויף כלל ישראל. (זרע שמשון פרשת אמור אות ח')

# עם פרוס השנה החדשה

## האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון

- מאחל -

**לכל התומכים והמסייעים, מגידי השיעורים, מפיצי הגליונות, לומדי הספרים זרע שמשון ותולדות שמשון, ולכל עמך בית ישראל בכל מקום שהם**

שיתקיים בהם כל ברכותיו הכבירות של המחבר הקדוש זלה"ה ויזכו כולם להיכתב בספרם של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים

ותהא השנה הבאה עלינו לטובה שנה טובה ומתוקה עם שפע של ברכות וישועות בכל מילי דמיטב ונזכה לבשר ולהתבשר רק בשורות טובות!


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גליקצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120